היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 24 Kwietnia 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג ז׳ אייר תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

אין פּעליטעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ׳ן „ 25 „

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
„ אין טעקסט 4 „

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

אכטונג ראַדאָמער פּרויען! יעדע פון אייך ברויך זיך שוין פּעראינטערעסירען
מיט דעם גראַנדיעזען
# ארץ=ישראל-באזאר
וואָס קומט פאָר ל״ג בעומר 5|5 אין סוחרים-פעראיין (לוב. 18)

ברכות מאליפות לחברנו הנכבד חבר-הועד של הסתדרותנו
**אברהם דוד גולדבליט** להתארשותו עם בחירת לבו **רבקה לבקוביץ** מבוסקא-זדרוי
יזכו לבנות ביתם בארץ חמדתנו ברוח תורה ועבודה
**הועד וההסתדרות „צעירי מזרחי" בקילצה.**

T-wo Ochrony zdrowia ludnoścl żyd.
**„TOZ"** w RADOMIU
**W SOBOTĘ dnia 25 Kwietnia**
odbędzie się w cukierni *p. Przybytniewskiego*
# Dancing Wiosenny
**z ATRAKCJAMI**
na rzecz Kolonji' letnich dla niezamożnych dzieci szkolnych.
**Wstęp wolny.**

בברכת מזל-טוב לבבית אנו מברכים את ידידנו וחברנו לדעה
אברהם דוד גולדבליט לארושיו את העלמה רבקה לבקוביץ
נטע צוקער, ישראל רפופורט, שמחה בונם קציקוביץ
משה דוד זילברברג, צבי זילבערשטיין, אלתר
ברנקוביץ, שלום חרנדורף.

מזל-טוב לך חברנו
דוד פייקארז לארושיך את העלמה שרה גולינסקה
בנה את ביתך על הרי ציון ברוחנו
**ועד וההסתדרות „צעירי מזרחי"**
בקילצה.

— די — שענסטע **טאַפּעטען** צו זעהר ביליגע פּרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע
**ש. שטיינמאַן**
ראַדאָם, לובלינער 21.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד
**יצחק בערגער** מיט פר״ל **חנה באום** ווינשען מיר זיי
אייביגע צופרידענהייט און אַ גליקליכע צוקונפט
**גאָלדבערג, זיגמאַן, ווייסמאַן, גאָטפריעד,**
**אבראַמאָוויטש, סטראַפּשינסקי, טענענבאַום,**
**מאַנדעלמאַן, פילערמאַן**

שבת דעם 25-טען ד. ח. 1 נ. מ. קומט פאָר אין טעאַטער „ראַזמאַיטאַשצי"
# א ר ע פ ע ר א ט
פון דעם בעוואוסטען **רעד. נ. גערבאַוסקי**
פאָלקסטימלעכען רעדנער
א. ד. ט. **„פריידען און ליידען אינ׳ם ארץ-ישראל אויפבוי"**
איינטריט נאָר מיט איינלאַדונגען, וועלכע וועלן ארויסגעגעבען שבת אינ׳ם טאָג פון׳ם רעפעראַט ביים איינגאַנג אין טעאַטער.

# דער וואהל-יאריד.

ענדליך האט זיך שוין ביי אונז אין שטאדט אנגעהויבען דער וואהל-יאריד צו דער יודישער קהלה.

דאס איין פון אפאטיע צו די וואה-לען מאר דער היגער יודישער בע-פעלקערונג, האט זיך געריהרט, די רעקלאמאציע-ארבייט איז שוין אוועק אין פולען גאנג און די פערשידענע גרופען און פארטייען האבען שוין גע-שאפען ביי זיך וואהל-קאמיטעטען.

די וואהל-שלאכט הויבט זיך ערשט אן, אבער מיר בעקומען שוין ידיעות פונם וואהל-פראנט און עס ווייזט זיך ארויס, אז קיין דוחק אין קאנדידאטען אויף דאזארעס וועלען מיר חלילה נישט האבען. אויך ביי אונז אין ראַ-דאם ווי אין א רייהע אנדערע שטערט געפינען זיך נאך בעלנים אויף א בענ-קעל און מ'וועט פערשפארען אויס-צושרייבען קאנדידאטען פון דער פרעמד...

יאהרען לאנג האבען די אוועקגע-העגדע פרנסים, ביי יעדער געלעגענ-הייט זיך פערקלאגט, אז דאס זיצען אין קהלה איז ווייט נישט קיין פערי-געניגען, אז מעהר ווי כבוד און תענוג, האט מען דארט עגמת-נפש און קאפ-דרעהעניש. צי האבען זיי געזאגט ריכ-טיג, אדער נישט, דאס ווייסען מיר נישט, אבער א פאקט איז, אז אין שטאדט גלויבט מען זיי נישט און דער-פאר טאקע רייסען זיך צום ברעטעל נייע פערזאנען, וועלכע ווילען געבענשט ווערען מיט אזא „קאפדרעהעניש און עגמת-נפש"...

ווי ס'איז פאראויסצוזעהען וועלען מיר האבען א שפאר ביסעל ליסטעס צו דער קהלה, מענשען וואס האבען ליב גוזמאות, זאגען, אז עס וועלען אין ראדאם ארויסגעשטעלט ווערען 12 וואהל-ליסטעס.

ווי אזוי עס זאל זיך נישט מאכען צי מיר וועלען האבען א ליסטע מעהר אדער וועניגער, א פאקט איז, אז קיין מאנגעל אין קאנדידאטען אויף דאזארעס וועלען מיר נישט פילען. דער-פאר קען מען זיך אזיך ריכטען, אז גאר אינקורצען וועט זיך צופלאפערען די אמת'ע וואהל-שלאכט.

דער פריהלינג קומט און עס געהט צו הייסע טעג און וואהרשיינליך וועט דער וואהל-קאמף צו דער קהלה אויך זיין א הייסער.

פ. ל.

# צו „שפוך-חמתך" געפונען זייער פערלוירענעם זוהן.

## (פון די ראדאמער מעשה'לעך).

אין ראדאם רעדט מען וועגען א פענסאציאנעלער געשיכטע, וואס איז די טעג געטראפען מיט דער היגער פאמיליע ישראל ק—פ.

אין 5-טען יאהר האט זייער בן-יחיד חיים זיך געפונען אין פעטערבורג, וועלכער האט שטודירט מעדיצין. בעת ס'איז אויסגעבראכען די רעוואלוציע איז חיים צוזאמען מיט א גרופע סטו-דענטען ארויסגעשיקט געווארען קיין סיביר פאר העצען די פויערים קעגען צאריזם.

פון צייט-צו-צייט פלעגען די עלטע-רען בעקומען פון זייער זוהן בריעף, אבער צוריק מיט אייניגע יאהר האבען זיי פון איהם אויפגעהערט צו בעקו-מען א גרוס.

אזוי זענען פערגאנגען יאהרען און די פאמיליע פ—ק האט זייער זוהן געהאלטען פאר טויט.

היינטיגען פסח, בעת ר' ישראל'ס פרוי איז ביי „שפוך חמתך" געגאנגען עפענען די טהיר, האט זיך פאר איהר אהעקגעשטעלט א בצוואקסענער יוד, בעטענדיג איהר ארייגלאזען איהם צום סדר. ביים סדר האט זיך ישראל דער-מאנט וועגען זיין בן-יחיד חיים און זיך שטיל אויסגעוויינט.

דער אורח, זעהענדיג די טרעהרען, האט אנגעהויבען אויספרעגען ביים בעל-הבית די סיבה פון זיין וויינען. ר' ישראל האט איהם דאן דערצעהלט, אז ער האט געהאט א בן-יחיד, חיים, וואס איז אין 5-טען יאהר דורך דער צארישער מאכט פערשיקט געווארען קיין סיביר און שוין פון א לענגערע צייט, ווי ער הערט נישט פון איהם.

דער אורח האט דערקענט זיין פא-טער און איהם געוויזען זיינס א בילד פון די יוגענד-יאהרען אין סטודענטי-שען אוניפארם.

ר' ישראל, דערזעהענדיג דאס בילד, איז געפאלען אין חלשות.

קומענדיג צו זיך האט דער פאטער זיך גוט איינגעקוקט אין אורח און דערקענט אין איהם זייער פערלוירע-נעם זוהן.

חיים האט דאן פאר זייגע עלטערן דערצעהלט, אז אין יאהר 1917 איז ער בעפרייט געווארען, אבער פאר זיינע ס. ד.-ארבייטען איז ער דורך דער באלשעוויסטישער מאכט צוריק פערשיקט געווארען קיין סיביר, פון וואנען ס'איז איהם סוף-כל-סוף געלונ-גען צו אנטלויפען.

די שמחה פון דער פאמיליע פ-ק איז אונבעשרייבליך.

⊚⊚⊚

# פון האנדווערקער קלוב.

מאנטאג 13/4 איז פארגעקומען די פייערליכע ערעזנונג פון מעטאל-צעך מיט'ן אנטייל פון סטעראטע דעלעגאט אסעסאר ה' פיעשכאלסקי.

ערדפענט האט די פערזאמלונג ה' ישראל פעלדמאן, וועלכער שלאגט פאר אלס פארזיצ. דעם עלטסטען לויט די יאהרען. עס ווערט דאן געוועהלט ה' מ. האפענהיים. אלס אססעסארען ה"ה: וויינגארט און ש. גיסער. מיט די וואה-לען האט אנגעפיהרט דער ה' ביעש-

# טאג-בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

נאך עטליכע טעג דיסקוסירען צווי-שען זיך איז נעבליבען, אז ממיצער זאל זיך איבערטוהן אין אנדערע קליי-דער און פערשפעלטערהייט זיך אוועק-לאזען קיין מאסקווא רעדשנאפען, וואס מ'הערט דארט, צי אונזער פערשווינ-ען — האט דארט אויסגערופען א טומעל און, צי מען זוכט אונז נאך. און איבערהויפט אויסצוגעפינען מיין יונגע-רע טאכטער, אדער לכל הפחות זיך דערוויסען, וואס מיט איהר איז גע-נעשעהן.

דער דאזיגער פלאן איז געווען אויסגערעכענט דערויף, אז וויבאלד אין מאסקווא וועט זיין שטיל און מען מאכט נישט קיין שום ווענען פון דעם — וועט מען קאנען צוריק קיין ריס-לאנד און אויב אין מאסקווא רודערט זיך יא און מען שטורעמט דארט, וועט מען דאן זיין געצוואונגען צו פערלא-זען רוסלאנד.

פאר קאנדידאטען צו פאהרען קיין מאסקווע האבען זיך אויסגעגעבען אלע דריי טשעקיסטען וואס האבען געהאלפען מיך אבראטעווען פון דער קועקוציע. נאך מעהר פון אלע האט עס פערלאנגט איטאן. אבער מיין איי-דעם דער קאמיסאר האט נישט מסכים געווען. ער האט מורא געהאט, אז די חברה, וויל זיך פון איהם אוועקנארען און דארט אין מאסקווע, העלפענדיג זיך אליין רעטען, ווערט ער אלס פערניטי-גונג בכדי צו געפעלען די דארטיגע מאכט — איהם אויסגעבען און אנ-ווייזען דאס ארט וואו מיר געפינען זיך בגהאלטען. דאס זעלבע האט אויך דערשפירט מיין עלטערע טאכטער און זי האט גלייך געפינען א אויסוועג, אנרופענדיג זיך, אז זי וועט געהען קיין מאסקווא אויספיהרען די דאזיגע מיסיע. מיין איידעם דער קאמיסאר האט תיכף איינגעשטימט און געגעבען די איבריגע צופערשטעהן אז מיין טאכטער, זיין ווייב וועט עס בעווייזען אויסצו-פיהרען זיכערער, בעסער און שנעלער ער האט זיי איבערצייגט אין דעם און זיי האבען אויך ענדליך נאכגעגעבען.

ס'איז אלזא געבליבען, אז מיין טאכ-טער זאל זיך איבערטוהען אין פויערישע בגדים פון דער אלטער מארילא און אלס פויערטע זיך לאזען קיין מאסקווע זי האט זיך שוין געהאט איבערגעטוהן אבער אומגערעכט און אונערווארטעט האט זיך אויפגעפראלט די טהיר און ס'איז געטוהען א פאל אריין מיין יונגערע טאכטער ווי א שטורעם מיט אגאנצען פאק אונטערן ארעם.

כאלסקי.

דער רעזולטאַט איז פאָלגענדער: אלס סטאַרשי ווערט אויסגעוועהלט איינשטימיג ה' ישראל מעלדמאַן. אַלס פאַר-סטאַרשעס: ה' ש. איידעלבוים, מ. האַפּענהיים און י. וויינגאַרט. פערוו.: משה פעלדמאַן, מ. קאסמאַן, פ. קאַץ און וויינגלאַס. קאַנדידאַטען: מ. בירענבוים, ז. שפּייזמאַן און ישראל גוטמאַן.

נאָך די וואַהלען איז פאָרגעקומען א באַנקעט אויף וועלכען עס זענען געווען איינגעלאַדען פאָרשטעהער פון אַלע צעכען. עס האָבען בעגריסט אין נאָמען פון פריזירער-צעך ה' גרינשטיין וויקטאָר; אין נאָמען פון דער קאָנצעלאַריע דער שעף-ביורא פון האנדוו. קלוב, שמעון ראָזענבערג; אין נאָמען פון קאָמאַשענמאַכער, י. י. מאַגנישעווסקי; שוסטער-צעך, א. אורין; שניידער-צעך, מ. ראָזענבוים; בעקער-צעך, טענדיל ראָזענבוים; צוקערניקעס, ב. זילבערשטרום; מאַלער, ה. ליפשיץ; סטאָלאַר-צעך, מ. ראָזענצווייג; אין נאָמען פון די סעקציע-יובילערען. ה' מ. וויינגארט; פון דער סעקציע-מעכאַניקער, ה' האָפּענהיים; קאָוואַליעס, ה' פ. קאַץ.

עס האַלטען אויך שעהנע בעגריסונג'ס-רעדעס די ה"ה י. ד. סטראָווטשינסקי און איידעלבוים.

צום סוף האָט דער ניי-אויסגעוועהלטער סטאַרשי ה' ישראל פעלדמאַן געדאַנקט זיינע פאַך-חברים פאַר'ן שענקען זייער צוטרוי, ווי אויך אַלע איינגעלאַדענע געסט פאַר די האַרציגע בעגריסונגען.

מיט עטליכע נומערען געזאַג פון חבר קאסמאַן און י. פעלדמאַן ווערט דער באַנקעט ביי א געהויבענער שטימונג געשלאָסען.

**אָבסערוואַטאָר.**




## איז רעוומאַטיזם און גיכט היילבאַר?

אין זער שאלה דינט אלס וויכטיגער בייטראַג פאַר אַלע ליידענדע א בריעף פון ה' י. שערר, לבוב, ליניעגא 2, אין וועלכען ה' ש. שרייבט צ. א.: זייט א סך יארען האָב איך אויף רעוומאַטיזם און אַ שטאַרק רייסען אין רעכטען פוס געליטען. דורך די גאַנצע צייט האָב איך בענוצט אונצעהליגע היילמיטלען און אויך 2 מאָהל בין איך אין בעדער אין אויסלאַנד געווען. דער ערפאָלג איז אָבער דאָר געווען פאַר-איבערגעהענד, שמערצען האָב איך ווייטער געהאַט און האָב קיין בעסערונג געפיהלט. פאַר אַ ערך 3 חדשים האָט מיך א בעקאַנטער אויף טאָגאַל אויפמערקזאַם געמאַכט און איך האָב מיר תיכף די טאַבלעטען געקויפט. טאָגאַל האָב איך באַניצט יעדען טאָג 3 מאָל צו 2 טאַבלעטען. שוין אין דער ערשטער וואָך האָב איך אַ גרויסע ערלייכטערונג געפיהלט און די דריטע וואָך בין איך פון דעם אונערטרעגליכען קוואַל פטור געוואָרען און איך בין ווי נייגעבוירען. טאָגאַל וועל איך יעדען ליידענדען עמפּפעהלען. עהנליך ווי ה' ש. זענען מודיע אַ סך מענשען וועלכע האָבען באַנוצט טאָגאַל נישט ניר ביי רעוומאַטיזם שמערצען און רייסען אין די געלענקען. נור אויך בעיקר ביי גיכט, קאָפּ- און נערווען-שמערצען, גריפּע און ערקעלטונגען. טאָגאַל לינדערט תיכף די ערגסטע שמערצען און איז אויף נאַטירליכען אופן עוקר מן השורש די דאָזיגע ליירען. טאָגאַל-טאַבלעטען ווענען אונשעדליך פאַר'ן האַרץ, מאָגען און אַנדערע אָרגאַנען. איבער 6000 דאָקטוירים-אַטעסטע. פּריווט נאָך היינט אַליין אויס, נור פערלאַנגט תמיד אין אייער אייגענעם אינטערעס די אָריגינאַלע טאָגאַל-טאַבלעטען. ס'איז נישט פאַרהאַנען גאָר קיין בעסער מיטעל. צו באַקומען אין אַלע אַפּטייקען.

## די גרויסע פסח-שטיצע פון „עזרה"

פון דער היינטיגער פסח - אַקציע, וועלכע איז געוואָרען דורכגעפיהרט פין דער געזעלש. „עזרה" האָבען גענאָסען עלף הונדערט פאַמיליעס (נפשות 4706) די קאָסטען פין די פערטיילטע פראָדוקטען זענען געוועזען גרעסער ווי אין פאָריגען יאָהר.

גאַנץ טרויריג זעהען אויס די הכנסות אויף דעם צוועק, א גאַנץ גרויסע צאָהל, אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע האָבען זיך יעדעס יאָהר בעטייליגט האָבען נאָך ביז היינט נישט צוגעשיקט די שפּענדונג אויף דעם צוועק, אויך אויף די אַרויסגעשיקטע איפּרופען בערך צו 13 טויזענד ראדאָמער אידישע בירגער האָבען זיך נאָך גאַנץ וויינינג אָבגערופען. דורך דעם ווען ווענדעט זיך די געזעלש. „עזרה" צו די אַלע ראדאָמער אידישע בירגער, וועלכע האָבען נאָך נישט צוגעשיקט אויף דער פסח-אקציע, זאָלען דאָס נאָכקומען נישט אָבשלעפּענד.

אנשל וויינמאַן.

# אדע.

א מתנה
ק—מ

קום ארויס, מיין חבר אין גאולה'דיגען קאַמפּף זיך וואַרפען
אַ הערבסטיגער בין-השמשות איינגעהילט האָט דער וועלט,
פאַרלאָז אויף אַ צייט דעם ליבען צערטעל פון א מאַמען,
ביז פון וואָלקען-שוואַרצע ווערט דער וועלט-אויסלייז אויפגיין.
און אַ בעדויערונג'ס-ווי זאָל אמאָהל אין הערצען דיינעם נישט פערבלאָנדזשען,
ווען אַ טרער, אַ יאושדיגע וועט דיין געליבטעס בליק פאַרטונקלען...
און ווען אַנ'אומעט וועט הענגען איבער איהר געזיכט, ווי אויף טרויער-
עגלות שוואַרצע הילען.

און איהר יאָמער וועט אין אַ נאַכט פון בענגען אַ האַרץ פערקלעמען!
זאָל אמאָל אַ בעגער, צוזען איר, אין הערצען דיינעם זיך נישט צופלאַטען...
אפשר וועט אין דיין נשמה-לויטערקייט אַ רחמים-רויז אויפבליען
ביים אָנקלאַנג פון אַ געליבטערס יאָמער.—
און מיט שמעטערלינגס-פלאַטער וועסטו דאַן איילען צו דער נעסט
פון דיין פערטרערטע!
צו וועלען מיט'ן ברען פון דיינע ליפען טריקענען איהרע
בענקשאַפט'ס-טרערען!
און אַ פיינליכער יאוש וועט רוען אויף דיין נאַקען, ווי
שטיקער טעלזען אויף זאַמדיגער ערד

ווען דאָס ערשטע מאָל וועט אַ פייכטקייט פון אַ ליבסטעס טרער
קילען דיין האַלדז
קום דאַן חבר אין גאַסען ענגע, וואו דער מענשליכער
וואוין איז צו אַ בית-עלמין געגליכען
ווי אין פריהלינג ס-טעג פון זונען-גאַנג גראָזען מיט צאַרט-טראָפּען זיך באַגיסען
הייזלעך צעפוילטע זיך טרונקען אין זומפּיגע טאָלען
און בלוט-פלאַנצען פון שווינדזיכטיגע הוסטען אַרום פענצטער זיך צוגלאַנצען
און דערפילען וועסטו דאַן פון אינערליכען צער א בלוט-פערגליווערונג
אין דיינע גלידער

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין אונזער גאַנג און די אַהנזוניגע צעלטען וועט אַ שטראַל ווי א
זונענשיין פאַר אונז אויפלייכטען
אַ, נישט טראַכט דאַן חבר פון א פליצלינגען זונען-אויפגלאַנץ
ראַ אין קאַלטען חושך!—
דאָס שטראַלט אזוי אַ טרער פון א געמאַטערט קינד, וואָס געבעטען
האָט איצט ברויט דער מאַמען

— — — — — — — — — — — — — — — —

חיפּיל און שוואַרצע חצות טראָגען זיך דאָ איבער בערגער הויך
פון מלחמה-פערוואונדערטע
פערצווייפעלטע יללות, וואָס וועקען אין הערצען ביי קיינעם
אפילו אַ מיטלייד-צאַפּעל
חוץ ביי אַ הונט אַ פערלאָזענעם, וואָס האָט דאָ אין זיין איינזאַמען
וואַנדערען פערבלאָנדזשעט

# דאס סקאנדאליעזע בילד
## אין קינא „קארסא".

מ'איז מיר בעשערט געווען צו זעהן א ראדאמער בילדעל.

א טרויריגעס, „בעריהמט" בילד אין קינא „קארסא". און צום בעדויערען נישט אין א פילם אויפ'ן לייוונט, נאר טאקע אויפ'ן וואהר.

כ'האב געזעהען, ווי מענשען, וואס רופען זיך אידען, האבען פערלוירען יעדען צלם-אלקים און וועלכען ס'אין אידישען פונק און זיך פערוואנדעלט אין ווילדע, סקאנדאליסטען פון טאמע העפליכען סארט.

אויפרייסען א מיטינג, וועלכער האט נישט צו טוהן מיט קיין שום פאליטיק נישט מיט קיין לאנדעס-פאליטיק און נישט מיט קיין ארטיגע סכסוכים, נאר בלויז מיט דאס טייערסטע און הייליגסטע, וואס אידען פערמאגען, מיט ארץ-ישראל — קאן דען זיין העסליכער פון דעם?

בעווארפען מיט קארטאפעל מענשען אונשולדיגע, פרידליכע — קאן דען זיין נידערטרעכטיגער פון דעם? גורם זיין א שענדליכען חלול-השם, א פערשוועכונג פונ'ם אידישען כבוד אין די אויגען פון פרעמדע און ארויסרופען שפיכות-דמים, איבער אייגענע ברידער — קאן דען זיין פערברעכישער פון דעם?

זיי, די קארטאפעל-ווארפער האבען עפעס א טענה ותביעה צו א פריוואטע געזעלשאפט, א האנדעלס-געזעלשאפט מוט ערד אין ארץ-ישראל—אין זערשטענס, ווי עס האט זיך איינגעגעבען צודערוויסען פון דער לאנגער און אפטער קארעספאנדענץ זייערער מיט יענער געזעלשאפט, איז זייער הבצעקתם ווערט נישט קיין בעגרינדעטע. ווען מען לייענט די בריעף פון דער געזעלשאפט צו זיי, בעקומט דער ענין גאר אנ'אנדער בעלויכטונג און מען איבערצייגט זיך גאנצפאל. ווי ווייט עס איז ריכטיג דער כלל, אז איין צד טאר מען נישט אויסהערען.

און צווייטענס — און דאס איז דער עיקר — וואס פאר א שייכות האבען עס פריוואטע ענינים מיט אלגעמיין אידישע, ווי עס איז דער קרן-קימת אדער דער קרן-היסוד?

וועלכער בר-דעת קאן זיך עס דערוואגען צו מאכען פעראנטווארטליך די אידישע נאציאנאלע-פאנדען פאר וועלכע ס'אין פריוואטע קריוו:עס?

די דאזיגע געזעלשאפט. מיט וועלכער די קארטאפעל-ווארפער האבען צו טהאן האט לחלוטען ניט קיין שום געמיינזאמעס מיט די אידישע נאציאנאלע פאנדען. זי איז סיבערען, אונאבהענגיג פון וועלבען ס'איז געזעלשאפטליכען קאנטראל, ווי יעדע אנדערע פריוואטע אונטערנעמונג, וועלכע האט צו טאן ניט מיט ערד, נאר, לאמיר זאגען צום בייספיל, מיט לעדער אדער מיט מאנופאקטור און מען בעדארף פערמאגען באמת א אויסערגעוועהנליך מאס חיצפה נידערטרעכטיגקייט, צו קומען מיט פאדערונגען פון א פריוואטען כאראקטער צו נאציאנאלע פאלקס-אינסטיטוציעס אדער אינסטאנצען.

און דער שבת'דיגער ברוטאלער אנפאל אין קינא „קארסא" וואלט עלול געווען גאר שטארק צו פערשווארצען דעם ראדאמער קבוץ, ווען נישט די זיכערסטע בעווייזען, אז רוב מנין פון ראדאמער אידען זענען נישט מיט די אידען, זענען נישט מיט די קארטאפעלווארפער און זייערע אונטערהעצער.

דאס האט אם בולסטען בעוויזען דער שיינער אנפאנג פון דער היי-יעהריגער קרן-היסוד אקציע.

אידען קאנען ווערען בעווארפען מיט ... ... ... ... ... ... ... ... ... אידען ווערען

אבער קיינמאל נישט נידערגעשלאגען און אבגעשרעקען.

יא ארץ-ישראל מיטינג, אדער נישט קיין ארץ-ישראל מיטינג — אידען, און בתוכם אויך די ראדאמער אידען, וויסען צו גוט די קאלאסאלע בעדייטונג פון ארץ-ישראל. זיי זענען גאנץ גענוי בעקאנט מיט די גראנדיעזע אויפטואונגען פון דעם קרן-היסוד פאר דעם ארץ-ישראל אויפבוי. און ס'איז באמת זייער ערפרעהענד צו קאנסטאטירען, ווי גערן און אפפערוויליג מען רופט זיך אפ אויף די אויפפאדערונגען פון די זאמלער צו דעקלארירען פאר'ן קרן-היסוד טראץ דער פערערגערטער עקאנאמישער לאגע.

אויף דער פערנעבעלטער ראדאמער געזעלשאפטליכקייט דורך דער אונאויפהערליכער מלחמת-אחים איז די דאזיגע אפפערוויליגקייט פאר ארץ-ישראל באמת א ליכטיגע, שטראלענדע ערשיינונג.

נ. גערבאווסקי.

# 131 פרעמיעס פאר מוטערס
### וועלכע דערציהען זייערע קינדער מיט צוקער האט בעשטימט די צייטשריפט „ד א ס ק י נ ד".

דער חודש זשורנאל „דאס קינד" האט בעשטימט א קאנקורס מיט 131 פרעמיעס (פון 6 זל. ביז 250 זל.) אויף אנ'אלגעמיינעם סכום פון 2000 זל.

די פרעמיעס וועלען ווערען ארויסגעגעבען פאר די זאכליכסטע און פראקטישעסטע תשובות.

עס האנדעלט זיך וועגען זעם. וואס דער אינטערעס צום צוקער, אלס וויכטיגען נאהרונגס-מיטעל ווערט אלץ גרעסער און ערנסטער. פערשידענע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען און בעאבאכטונגען האבען פעסטגעשטעלט די וויכטיגע בעדייטונג פונ'ם צוקער אויף דער שטארקונג פונ'ם מענשליכען ארגאניזם און ספעציעל אויפ'ן קינדערישען ארגאניזם, וועלכער געפינט זיך נאך אין סטאדיום פון וואקסען און ענטוויקלען זיך, אומאפהענגיג פין דעם אין וועלכער פארם דער צוקער ווערט געגעבען (אלס צוקערלעך, שאקאלאד, קאקאא, קאמפאט, פאווידלע, קאנפיטור א. ד. גל.

ווי געזאגט, פערנעמט דער צוקער היינט צו טאג אין דער דערנעהרונג פונ'ם קינד, נאך די וויטאמינען, איינע פון די ערשטע ערטער. אהן א בעדייטענדען געברויך פון זיסקייטען אין א וואפער נישט אין פאום, איז פשוט נישט דאנקבאר א ראציאנעלע דערנעהרונג פינ'ם קינד.

דער געברויך פון זיסקייטען מצד דעם קינד ווערט אלץ זעלטענער בעטראכט פאר א נאשעריי, נאר פאר א נויטיגען בעשטאנדטייל פון קינדס דערנעהרונג.

דער קאנקורס איז אויסען צו פעראינטערעסירען די עלטערען מיט דער דאזיגער פראגע, בכדי זיי זאלען אין פערלויף פון א געוויסער צייט בעאבאכטען די ווירקונג פין זיסקייטען אויף זייער קינד ד. ה. וועלכען מין זיסקייטען פערטראגט דאס קינד אם בעסטען, און וואס פאר א פארם זאיף די זיסקייט געגעבען ווערען (צו אין פארם פון טעה און צוקער אדער שאקאלאד, קאקאא קאמפאט. אין אמאככס אדער גאר זוסע געבעק א. ד. ג.); ווי אזוי דארף מען די זיסקייטען צוגרייטען; צו וועלכער צייט און אין וואס פאר א מאס דארף מען זיי געבען וכדומה.

די תשובות וועלען דורך א ספעציעלער קאמיסיע בעטראכט ווערען און פאר די בעסטע פון זיי וועלען ארויסגעגעבען ווערען געלט-פרייזען. איינצעלהייטען וועגען קאנקורס קען מען געפינען אין די לעצטע נומערען „דאס קינד", וועלכע מען קאן בעציהען פון די גרעסערע בוכהאנדלונגען אדער דירעקט פון דער רעדאקציע, לויט'ן אדרעס: רעדאקציע „דאס קינד", נאוואליפקי 30/51, ווארשע.

TĘPI MOLE w ZARODKU
MOLOTOX
LOTNY-CZYSTY-EKONOMICZNY
ZAKŁADY PRZEMYSŁOWO-HANDLOWE
ST. ZELKOWICZ i S-KA WARSZAWA DŁUGA 9

אויף דא דערפילט האט זיין טיפען עלענד ביים רויש פון די
טרויעריגע ווייגען
און מיט אויגען פייכטע געשטעלט האט זיך וואיען.
ווי פיעל צערפולע טרערען טריפען דא אויף בלאסע באקען
פון געבראכענע מאמעס
ווען אין קאלטע ווינטער-נעכט ווערען דא טאטעס די מת'ם-שומרים
איבער די טויטע גופימלעך פון אייגענע איצטעד פערשטארבענע קינ ער
וויפיל מיליאנען גויט-טרערען וועלען דיר נאך א קייגען קומען
אין דאזיגען גאנג, חבר?
טרערן, וואס וויקלען דיך אין גרויל און אין שוידערליכער דערשיטערונג
און טרייבען דיך — שוין אן מיין רוף — אין גאולה'דיגען קאמפף.

# ווען ווילען זיי פערבלענדען די אויגען?

**א אונערהערטע מעשה-נבלה איז אפגעטוהן געווארן מצד די ג' פרנסים יחיאל פרענקעל, מרדכי לענגער א. אנדערע.**

כדי ארייגצוברענגען א חאָס און דעזאָריענטאַציע צו די נעכסטע קהלה-וואהלען האבען זיי דערלאנגט א אנקלאגע צום-ערשט צו דער רעקלאמאציע-קאמיסיע נאכהער צו דעם סטאראסטע, וואו זיי האבען אויסגערעקט איבער 600 יודישע בכבודע נעמען, אז זיי האבען גענאָסען געזעלשאפטליכע שטיצע און דערפאר געפאָדערט אבצונעמען ביי די זעלבע יודען זייער בירגערליכע רעכט און אויסצושטרייכען זייערע נעמען פון דער וועהלער ליסטעס.

אויף אויסקצורויבען פון 160 אנגעזעהענע יודישע בעל-מלכות האט ה' יחיאל פרענקעל אייגעהענדיג געלייגט זיין אונטערשריפט צו דער מאכט. אט דאס האט געטוהן א געוועזענער ראש הקהל וואס האט שטענדיג אפעלירט מיט דעמאקראטישקייט, עטיק און יושר.

די ראָוינע 600 יודישע בעלי-מלאכות איז געטוהן געווארען א שרעקליכע און גישט פערצייליכע עולה. ביז ה' פרענקעלס אנקלאגע זענען די נעמען פון די דאזיגע בכבוד'ע 600 יודען געהאלטען געווארען בסוד, ווייל דעם אמת זאגענדיג, אויב פיעל פון די דאזיגע יודען האבען גענאסען שטיצע. איז דאס געווען א איינמאליגע און דערצו פשוט א אויפגעצווינגענע. דער גרעסטער טהייל פון די יודען האבען אפיציעל זיך נישט געווענדעט נאך קיין הילף, נאר צוליעב דער אינטערווענץ פון זייטיגע מענשען אין שכנים, וועלכע האבען אינפארמירט, אז אין די שטובען פון די דאזיגע קריטישע בעלי-מלאכות הערשט נויט, הונגער און קעלט, און די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס האבען געמוזט זוכען פערשידענע אופנים צו בעזארגען מיט א שטיקעל קויל, אדער מיט א פאר זל. אויף דעם בכבוריגסטען אופן, כדי יענער זאל זיך נישט אבשטויסען און דערפון חלילה נישט האבען קיין בושה.

אט געגען אזעלכע יודען ווען דער קריזיס האט מאטעריעל צוברעכען און רואינירט. האבען אויסגעשטרעקט די הענד פון די ה"ה יחיאל פרענקעל, מרדכי לענגער, משה באקמאן, מתית קאפער און הירש מרדכי דאנציגער, אויסצורויבען ביי זיי דאס לעצטע ביסעל זעלבסט-ווירדע, וואס זיי איז נאך געבליבען. די דערמאנטע ה"ה זענען דערמיט באגאנגען אן א-טענטאט אויף די דאזיגע אומשולדיגע יודען, שטעמפעלדיג זיי פאר פראפעסיאנעלע שנארער.

אין הונדערטער אזעלכע יודישע שטובען שפיעלען זיך יעצט אב טרויעריגע סצענעס און שוידערליכע טראגעדיעס, מען ווארפט זיך געגענזייטיג פאר וואס מען האט זיך געלאזט ארייגשלעפען אין אזא ווילדע קאמפראמיטאציע. בעסער געווען — קאן מען זיך דארט נישט שענקען — אויסצוהערען פון הונגער און קעלט איידער צו דעמאסקירט ווערען פאר דער עפענטליכקייט. צוליב א ווילדען שפיעל פון וואהל-מאנעווערעס.—

**אין יעצט האט מען נאך די דרייסטקייט צו קומען אין דער פרעסע מיט א מכלומרש'טע ערקלערונג „צו דער יודישער עפענטליכקייט" (אין ראד. לעבען 15 №) און מאכען דעם ה' יחיאל פרענקעל, וואס האט פערשאפען שפיכות-דמים אונפערמעגליכע הונדערטער בכבוד'ע האנדווערקער, קליינהענדלער, טרעגער א. אנד. — פאר א קדוש צוליעב דעם גרויסען „חטא", וואס ער איז געשטראכען געווארען פון דער וועהלער-ליסטע.**

דער נאמען פון ה' יחיאל פרענקעל האט פאקטיש פיגורירט אין דער וועהלער-ליסטע און איז אויסגעשטראכען געווארען צוליב דער אינטערווענץ פון פיעל רעליגעזע יודען, וועלכע האבען זיך געווענדעט צו דער וואהל-קאמיסיע מיט א אויפפאדערונג, אז א יוד, וועלכער פאהרט אין שבת איבער די ראדאמער גאסען בריש גלי און רויכערט פאפיראסען שבת בפרהסיה טאר נישט דערלאזט ווערען, אז אזעלכער זאל ווייטער געהעהלט ווערען אלס פרנס פון א יודישער רעליגעזער קהלה.

ווייטער האט די וואהל-קאמיסיע בעריקזיכט און ארייגעשטעלט די פעהלענדע.

קיינער וועט זיך מעהר נישט לאזען פערבלענדען די אויגען!

**אונפארטייאישער יודישער קאמיטעט אין ראדאם.**

1 קילא צוקער איז גלייך
פוטער 0,55 ק.
קאשע 0,75
רייז 1,20
פאסאלע 1,30
ברויט 2,20
רינדפלייש 2,50
אייער 72 שטיק
קארטאפל 4,5
מילך 7,5
[illegible] 9

# יודישער ספארט-קלוב „מכבי" בויט אויס א גימנאסטישען זאהל פאר דער יוגענד.

די ספארט-געזעלשאפט „מכבי" טרעט צו היינטיגען מאנטאג צו אן א'נטענסיווע אקציע, וועלכע איז געווידמעט דער אויסבויאונג פון אן'אייגענעם ספארט-לאקאל, וועלכען זי האלט פאר זעהר נויטיג צו דער פיזישער ערציהונג פון די ברייטע מאסען פון דער יודישער יוגענד אין אונזער שטאדט.

די אקציע הויבט „מכבי" אן מיט דער האפנונג, אז זי וועט אונטערשטיצט ווערען פון דער גאנצער געזעלשאפט און אז אלע אימפרעזען וואס וועלען איינגעארדענט ווערען לטובת דער אויפבוי פון גימנאסטישען זאהל וועלען אנטרעפען אויף דער אלגעמיינער אנערקענונג און סימפאטיע.

אלס איינע פון די פערשידענארטיגע אימפרעזען עפענט „מכבי" א „רינג" וואו עס וועלען פערעפענטליכט ווערען די סומען, וואס וועלען געשענקט ווערען אויף דעם צוועק.

# ארום די וואהלען צו דער קהלה.

דער עולם גרייט זיך צו די וואהלען.

היינטיגע וואך האט זיך שוין אנגעהויבען פערזאמלונגען, אויף וועלכע מ'האט שוין גענומען בפירוש רעדען וועגען גרינדען וואהל-גרופירונגען און ארויסשטעלען בעזונדערע ליסטען.

צום ערשט. הערען מיר, האט זיך שוין געגרינדעט א אונפארטייאישער רעליגיעזער קאמיטעט, וואס זאל ארייננעמען די פערשידענע חסידים-שטיבלעך וועלכע זאלען געהן צו די וואהלען פעראייניגט אין איין געשלאסענע ליסטע.

צו די וואהלען הויבען אויך אן ארויסווייזען אינטערעס די אינטעליגענטע ספערען. די לעצטע זענען שוין צוגעטרעטען צו מעהר אקטיווע שריט און זיך אנגעהויבען ארגאניזירען. דעם פאריגען זונטאג איז אין לאקאל פון דער „באנק-פאוושעכני" (לובלינער 27). זיך צונויפגעקומען א גרעסערער עולם אין שייכות מיט ארגאניזירען א בעזונדערע וואהל-ליסטע.

אויף דער פערזאמלונג זענען א סך רעדנער'ס ארויסגעטרעטען וועגען דער אלטער גמינע און הויפזעכליך זיך אבגעשטעלט אויף דער ראלע וואס א יודישע קהלה דארף שפיעלען אין יודי-לעבען. די פערזאמלונג האט בעשלאסען צו געהן מיט א בעזונדערע ליסטע צו די וואהלען א. נ. „דעמאקראטישע גרופע". ס'איז באלד אויפן ארט געקליבען געווארען א וואהל-קאמיטעט. צום סוף זענען פארגעלייגט געווארען א רייה רעזאלוציעס אין וועלכע ס'ווערט ארומגערערט די ציעלען און אויפגאבען וואס די דעמאקראטישע גרופע האט בדעה צו רעאליזירען אין פאל ווען זי וועט אריין אין קהלה.

מ'הערט אויך, אז די סקארישאווער גאס זאל געהן מיט א בעזונדערע ליסטע צו די וואהלען.

# קרעדיט קאאפעראטיוו פאר האנדעל און מלאכה פלאץ 3־טער מאי 8 טעל. 511.

## בילאַנס אויף דעם 31|12 1930.

**אַקטיוו**

| | | |
|---|---|---|
| 1. קאַסע | | 4786.21 |
| 2. „פ. ק. אָ.", „וואַער א. אגד. | | 66149.94 |
| 3. הלוואות | | |
| א) אויף וועקסל מיט 2 זשירעס | 419320.— | |
| ב) דיסקאנטא אוש טוחרישע וועקסלען | 203836.57 | |
| ג) אהאַגסען אויף אינקאַסעס א. אגד. | 207302.44 | |
| ד) רעדיסקאנטס | 45760.81 | |
| ה) וועקסלען דיסקאָנטירטע אויף אינקאַסע | 9256.55 | |
| ו) פראָטעסטען, געריכט. קאָמאָרניק | 24039.47 | 909515.84 |
| 4. ווערטח פאַפירען | | 12544.68 |
| 5. מעבעל שטיקער | | 9150.39 |
| 6. חוצאות, וועלכע דאַרפען צוריקגעצאָלט ווערען | | 7819.52 |
| 7. איבערגעצאָלט צינזען אויפ'ן קומענדען יאָהר | | 17788.79 |
| 8. פאַרשידענע חשבונות | | 5024.45 |
| 9. לויפענדע קרעדיטען | | 91829.67 |
| 10. קאָרעספאָנדענטען | | 1625.10 |
| סומע | | 1126234.59 |
| 11. אינקאַסע אין פאָרטפעל | | 415982.51 |
| 12. אינקאַסע ביי די קאָרעספאָנדענטען | | 46388.40 |
| איינאיינעם | | 1588605.50 |

**פאַסיוו**

| | | |
|---|---|---|
| 1. איין קאפיטאל | | 133605.— |
| 2. פאָנדען: | | |
| א) זאַפאַסאָווע | 2479.89 | |
| ב) ספעציעלע | 35430.22 | |
| ג) אַמאָרטיזאַציע | | 37910.11 |
| 3. שפּאָר איינלאגען: | | |
| א) אויף טערמין | 744627.01 | |
| ב) אָהן טערמין | 28979.42 | |
| ג) קליינע פקדונות | 2042.— | 775648.43 |
| 4. לאַנגטערמיניגע אובית | | 46000'— |
| 5. רעדיסקאָנטאָ | | 45760.81 |
| 6. צינזען גענומענע אויפ'ן חשבון פון 2-טען יאָהר | | 32981.96 |
| 7. נישט אָנגענומענע אינקאַסע געלדער | | 51772.17 |
| 8. ריינער ריוח | | 2556.11 |
| סומע | | 1126234.59 |
| 9. פערשידענס אויף אינקאסעס | | 462370.91 |
| איינאיינעם | | 1588605,50 |

## געווין און פערלוסט קאנטא פאר'ן יאָהר 1930

**הכנסה**

| | |
|---|---|
| 1. פראָצענטער פון הלואות, דיסקאָנטא | 154133,16 |
| א) צינזען פון לאָקאַטען | 6330.83 |
| ב) אינקאַסע פראוויזיע | 40353.14 |
| ג) ריוח פון וערט פאפירען | 24.44 |
| | 200841.57 |

**הוצאה**

| | |
|---|---|
| 1. פראָצענט אין פראָוויזיע | |
| א) צינזען פון פקדונות און פון אנדערע איינלאָגען | 102498.09 |
| ב) צינזען פון באַנק חובות | 8817.38 |
| ג) פראָוויזיע | 5182.40 |
| 2. האנדעלס און אדמיניסטראציע אויסגאַבען | 79889.78 |
| 3. פראָצענטער פון אַמאָרטיזירען דאָס מעבעל | 1172.81 |
| 4. פערלוסטען | 725.— |
| ריוח פאר'ן יאָהר 1930 | 2556.11 |
| | 200841.57 |

ZARZĄD: (—) Dawid Frenkiel, prezes Zarządu
(—) Władysław Adler, Dyrektor
(—) Gabrjel Zygman, członek Zarządu

Księgowy (—) Maurycy Rozencwajg

# פון גרויס געטרייקייט צום ווייב געוואלט חתונה האבען מיט א צווייטע.

א געוויסער ראדאָמער יונגער־מאן האָט זיך געקליבען חתונה האָבען אין סוואָלק. געטוהן האָט דער זעלבער ווי ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט א גאָר רייכען שידוך, ממש א שמאלץ־גרוב, אָבער אין דער לעצטער מינוט איז דאָס שמאלץ אויסגערינען און ער איז געבליבען ביים... ס'איז איהם נעבעך נישט בעשערט געווען דאָס גליק אויסצוטוישען דאָס ווייב אויף א יונג מיידעל און דערצו נאָך מיט א הויז.

און אין אלץ זענען שולדיג די חופה וקידושין. צוליב זיי איז אויך אונזער ראדאָמער יונגערמאן נכשל געוואָרען און די נייע כלה־טראַנזאַקציע זיינע האָט צוליב דעם געפּלאַצט.

ומעשה שהיה כך היה:

דער ראַבינאַט אין סוואלק האָט זיך אָנגעפרעגט ביים היגען רב קעסטענבערג אויף א געוויסען ראדאָמער י. ד. צו ער האָט זיך פאקטיש געג'ט מיט זיין פרוי ח. א. קאָנטראָלירענדיג די ביכער האָט זיך ווירקליך ארויסגעשטעלט, אז דאָס זעלבע פאָר־פאָלק האָט זיך געג'ט אָבער אין זעלבען אווענד איז געקומען צום רב קעסטענבערג דעם דאָזיגען יונגערמאנ'ס פרוי און, פאָרשטעלענדיג א בריעף פון איהר מאַן, וואָס וואוינט אין סוואָלק, האָט זי דערצעהלט פאָלגענדעם:

מיט דריי יאָהר צוריק האָט זי זיך געג'ט מיט איהר מאַן און שפּעטער אין א יאָהר ארום האָט זי צוריק חתונה געהאַט מיט'ן זעלבען מאַן. זיי האָבען ביז הייגט געלעבט בשלום, נישט מעהר נאָר צוליב די שלעכטע צייט האָט זיך איהר מאן מיט איינינע מאָנאַטען צוריק אוועקגעלאָזט זוכען אַרבייט און ענדליך אָנגעקומען קיין סוואלק. דאָרט האָט ער זיך בעקאַנט מיט א רייך מיידעל, מיט וועמען ער געהט חתונה האָבען. אין זיין בריעף שרייבט ער, אז ער געהט דאָס טוהן, כדי אויסצופּעסערען די מאַטעריעלע לאגע פון זיין ווייב אין קינדער, וועמען ער בלייבט ווייטער טריי. די כלה, דערצעהלט ער ווייטער אין בריעף, האָט איהם געמאַכט א גרויס־אַרטיגע אויסשטייער און זי געהט איהם אָבשרייבען א גרויס הויז. בכן בעהט ער זיין ראדאָמער ווייב, זי זאָל נישט אלץ דערצעהלען דעם רב, אייב ער וועט זי רופען אויף אינפאָרמאַציע.

די פרוי האָט, א פּנים, מורא געקריגען, אז דאָס זאָל איהר דער מאַן נישט א מאָהל אָבטוחן אויף מערקיש און איבערלאָזען איהר מיט די קינד ער אויף גאָט'ס־בעראָט און זי האָט אַלעס איבערגעגעבען, וואָס אין בריעף שטעהט. הרב קעסטענבערג האָט זיך טעלעגראַפיש פערשטענדיגט מיט'ן סוואַלקער רב און אונזער יונגערמאַן וועט, נעבעך, פון אונטער דער חופה אָבטראַנספּאָרטירט ווערען קיין ראַדאָם.

# קעלצער אבטיילונג.

## ערב די קהלה = וואהלען אין קעלץ.

גאָך אייניגע טעג, ווי עס ענדיגט זיך דער ענדגילטיגער טערמין פון אריינ־טראָגען ליסטעס צו די קהלה-וואַהלען.

ווי עס איז געווען פאָראויסצוזעהן וועט אויך קעלץ, ווי אלע אנדערע שטעדט, זיין געבענשט מיט א גרעסע־רע צאָהל ליסטעס. אָבער דאָך איז נאָך דערווייל, לויט אלע וואהרשיינ־ליכקייטען, די לאַגע נישט „געפעהר־ליך"...

דעם שטארקסטען פראָנט וועט, ביי די איצטיגע וואהלען, בלי ספק בילדען דער געמיינזאמער בלאָק פון די ציוי־ניסטישע אין מזרחי׳סטישע גרופירונ־גען, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען א זעהר ענערגישע און פלאַנמעסיגע וואָהל קאמפאניע. הייגטיגע וואָך איז שוין פאָרגעקומען אין לאָקאל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע א גרויסע פערזאמלונג פון די מיטגלידער און סימפאטיקער פון דערמאָנטען בלאָק. אויף דער פערזאמלונג איז געוועהלט געוואָרען א גרעסערער קאָמיטעט, וואָס האָט די אויפגאבע דורכצופיהרען די גאנצע וואהל-אקציע.

ווי מיר דערוואוסטן זיך, איז היינ־טיגע וואָך. אין לאָקאל פון אלעקסאַנ־דער שטיבעל, געשאַפען געוואָרען א געמיינזאמער וואהל-בלאָק פון די אלעק־סאנדער, ראדאָמסקער, פילעווער, קוזי־מירער, ראָסקשער און אנדערע שטיב־לעך. אויף דער דאָזיגער פערזאָמלונג איז שטארק געטאדעלט געוואָרען די קרומע וועגען פון די אגודה ביי די קהלה וואהלען, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען ענערגיש ארויסצוטרעטען גע־גען די דאָזיגע נישט עהרליכע קאמפס־מעטאָדען.

איז מאקי דעריבער אין אגודה-לאַ־גער נישט זעהר היימליך. דער נצחון איז שוין ביי זיי געווען ווי אין קע־שענע. געטראכט האָט מען, אז אויסער מיט די ציוניסטישע „אפיקורסים", וועט מען נישט ברויכען פיהרען א קאַמף און דאָ פלוצלינג בלייבט די גאנצע אָגודה בלויז ביים גערער שטיבעל, און דאָס אויך געשפאָלטענערהייט, ווייל ווי מען שמועסט זאָל א געוויסער אגודה׳שער ראטמאַן, וואָס האָט שטארק חשק צו ווערען דאָזאָר, ארויסשטעלען א ליסטע אונטער דער פירמע פון דער היעגער ישיבה, מחמת די אגודה זעלבסט האָט בילכערע קאַנדידאַטען.

צו דעם אלעם געהען די אָגודה׳שע פועלים מיט א בעזונדערע ליסטע. אַזוי לויטעט דער בעשלוס פון זייער לעצ־טער לאַנדעס-קאָנפערענץ.

נישט קיין קליינע סענסאַציע האָט היינטיגע וואָך ארויסגערופען די ידיעה אז דער אונפאַרטייאישער-דאָקטוירים־בלאָק האָט געפלאַצט. די דאָזיגע גרופע האָט פון אָנהויב אָן נישט געהאַט קיין פעסטע גרונדען. זי איז נעמליך בע־שטאַנען פון אייניגע יודישע דאָקטוירים און פון א קליינע צאָהל בע׳עולה׳טע בעלי-בתים, וועלכע מען האָט געשטעלט א צו-הויכען עטאַט. די דאָזיגע סיבות זענען צו ווייניג וויכטיג, אז זיי זאָלען בערעכטיגען דער עקזיסטענץ פון א בעזונדערע גרופע. און וואָלט אפילו דער בלאָק צושטאַנד געקומען און ארויסגעשטעלט אַ אייגענע ליסטע, איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי זי וואָלט בע־קומען אַ גענוגענדע צאָהל שטימען אפילו אויף איין מאַנדאַט.

ביי די האַנדווערקער איז נאָך אלץ די לאַגע נישט קלאָר. וואהרשיינליך אָבער וועלען זיי געהן זעלבסשטענדיג.

לעצטענס האָט זיך געגרינדערט אַ דעמאָקראַטישער האַנדווערקער-פעראיין, וואָס בעשטעהט פון דער פריהערדיגער אָפּאָזיציע מיט פרנס סטראָוטשינסקי בראש. אויך דער דאָזיגער פעראיין שטעלט אַרויס א בעזונדערע ליסטע.

■■■■■

## אינטערעסאנטער פראצעס אין קעלצער קרייז-געריכט.

היינטיגען מאָנטאג האָט זיך אין הי־גען קרייז געריכט אָנגעהויבען א סענ־סאַציאָנעלער פראָצעס, וועגען מיסברוי־כען און כאַפאַר-מאכינאציעס מצד די לייטונג פון דער גיסעריי פאבריק „לודוויקאָוו".

אויף דער בעשולדיגונג׳ס באנק זיצען די ה"ה: שניעכאָווסקי, הויפט-דירעק־טאָר פון „לודוויקאָוו", געמבקא, בוכ־האַלטער פון דער פאבריק, נאַכט (א יוד) און גאראָווסקי — העכערע קאָנ־טראָלערען פון דער קעלצער שטייער־קאָמער.

שניעכאָווסקי ווערט בעשולדיגט אין געבען כאַפאַר די דערמאָנטע בעאַמטע פון שטייער-אַמט פאַר פערשווייגען א סומע פון העכער איין מיליאָן זל. אין דער הכנסה פון פאבריק. געמבקאָ — אין דורכלאָזען בכיון די סומע אין די בוכהאַלטעריע-ביכער. נאַכט און גאַ־ראָווסקי — פאַר נעמען כאַבאַר.

דער פראָצעס האָט ארויסגערופען א אויסערגעוועהנליכען אינטערעס. אלס פערטיידיגער טרעטען ארויס די בעקאַנ־טע אדוואָקאַטען שמיאראָווסקי (ווארשאַ) זרזיעגניצקי (לובלין) פאַוועלעק (סאָס־נאָוויעץ), ציכאַצקי און ציבולסקי (קיעלץ).

דינסטאג אָוועגד איז דער פראָצעס, אויפ׳ן פאָרשלאָג פון דער פערטיידי־גונג, אָבגעלייגט געוואָרען ביז חיינט, שבת 10 אינדערפריה.

## פערזענליכעס.

ה׳ נח ווינער, א זוהן פון היגען חזן-ראשי ישראל ווינער, האָט לעצ־טענס געענדיגט דעם יודישען פא־קולטעט פון דער פאריזער סאָרבאָנע און בעקומען אַ דאָקטאָראט-טיטעל.

ה׳ ווינער האָט אָנגעשריבען אין דער פראנצויזישער שפּראַך א בעזוי־נדער ווערק וועגען קאָאָפעראציע-ווע־

זען, וועלכעס איז ארויס אין 2 אויפ־לאַגען.

אינטערעסאַנט, אז ה׳ ווינער איז איינער פון די ערשטע שילער פון די היעגע יודישע גימנאזיע.

●●●●

## זיך געגרינדעט א וואָיאַזשאָרען-פעראיין.

אין קעלץ איז היינטיגע וואָך געשאַ־פען געוואָרען א יודישער וואָיאַזשאָרען פעראיין.

מאָרגען, זונטאג קומט פאָר אין זאַל פון סוחרים-פעראיין א פערזאמלונג פון אַלע מיטגלידער פון ניי געגרינדעטען פעראיין.

## געגען גריפּע און פערקיהלונג.

איז א אויסערגעוועהנליך ווירקזאַם מי־טעל טאָגאַל. ביים בענוצען טאָגאַל אין אנפאַנג׳ס-סטאַדיום, ווערען מאָמענ־טאַל פערשווינדען די קראַנקהייט-סימנים איבער 6000 דאָקטוירים בעשטעטיגען קלאָר די ערפאָלגרייכע ווירקונג פון טאָגאַל. פּרובט און פאָדערט נאָר שטענ־דיג טאָגאַל. ס׳איז צו בעקומען אין אלע אפטייקען. טאָגאַל איז א שווייצארסקי פרעפאַראַט, וואָס איז רעגיסטרירט אין פוילען לויט׳ן נומער 1364.

NOWOCZESNE RADJO-ODBIORNIKI
KRYSZTAŁKOWE i LAMPOWE.
GŁOŚNIKI — SŁUCHAWKI — BATERJE.
Ładowanie i naprawa akumolatorów
i PATEFONY walizkowe i szafkowe.
SPRAWDZANIE, NAPRAWA i PRZE-RABIANIE RADJO-ODBIORNIKÓW
po cenach bardzo przystępnych.
BIURO RADJOTECHNICZNE
ZENON GARCZYŃSKI
RADOM, ul. Marjacka 12. — Telef. № 318.

# ראדאמער כראניק.

## פריידען און לײדען אינ'ם ארץ־ישראל אויפבוי

אויף דער דאָזיגער טעמא וועט רע־פערירען דער טאַלאַנטפולער רעדנער נ. גראַבאָווסקי שבת 1 אַ זייגער בײטאָג אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשצי".

אײנטריט אין טעאַטער אויף דעם אינטערעסאַנטען רעפעראַט איז נאָר מיט אײנלאַדונגען.

כדי צו פערמיידען דעם אַרײנדרינג אין טעאַטער פון אונגעהאונשענע עלע־מענטען וועלען די אײנלאַדונגען ארויס־געגעבען ווערען דורך די אָרדנער שבת ביים אײנגאַנג אין טעאַטער.

די אָרדנונג איז דאָסמאָל פולשטענ־דיג געזיכערט דורך דער נעהעריגער מאַכט, וועלכע איז ענטשלאָסען נישט צודערלאָזען צו קיין שום אונאָרדנונג.

■■■■■

## דאַנסינג לטובת „טאָז".

היינטיגען שבת-בײנאַכט קומט פאָר אין פשיביטניעווסקי'ס צוקערניע אַ דאַנסינג, וועלכער ווערט אײנגעאָרדענט דורך דער פּאָפּולערער געזעלשאַפט „טאָז". די הכנסה פון דאַנסיג איז בע־שטימט פאָר דער זומער-קאָלאָניע, אויף וועלכער ס'וועלען ארויסגעשיקט אָרימע קראַנקע שול-קינדער.

צוליב דעם סימפּאַטישען צוועק פער־דיענט דער דאַנסינג אויף אַ צאָהלרייכען בעזוך.

■■■■■

## ארץ־ישראל־באַזאַר אין ראַדאָם.

דינסטאָג ל"ג בעומר (5.5) ווערט געעפענט אין לאָקאַל פון סוחרים־פער־אײן די אויסשטעלונג, וועלכע ווערט אײנגעאָרדענט דורכ'ן פרויען - קרייז לטובת דעם קרן-קימת.

די אויסשטעלונג ווערט פערוואַלטעט פון פרויען-קרייז וואָס בעשטעהט פון די ג. פרויען: ד"ר לעווין, צמח, פיש־מאַן און ראָטענבערג.

צו דער פײערליכע ערעפנונג וענען פערבעטען אַלע ראַדאָמער אָרגאַניזאַצ־יעס און אינסטיטוציעס ווי אויך פאָר־שטעהער פון דער מאַכט און מוניצי־פּאַליטעט.

אויספירליכעס אין נעכסטען נומער.

◎◎◎◎

# דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאַנק די דעלעגאַציע ה'ה **חיים נײמאַן, נח פשעדבאָרעק** און **הרב יחיאל קעסטענבערג** בראש פאָר זייער אינטערווענירען ביי די מאַכט לטובת די מקוה וועלכעס עס האָט געדראָהט אַ אונטערגאַנג, ווי אויך דאַנק איך די דאָזיגע ה'ה **מיכאל זײַרמאַן** און **חיים טענענבוים** פאָר מיטהעלפען אין די זאַך.

מיט אַכטונג.

**מ. גאָלדשטיין**

---

### אלגעמײנער חאהל קאָמיטעט
# פון רעליגיעזע יודען
### אין ראַדאָם.

צוליעב די פאָרשטעהענדע קהלה-וואַהלען וואָס דאַרפען פאָרקומען דעם 27-ן מאי ד. י. האָט זיך געשאַפען אַ וואַהל קאָמיטעט א.נ. „אלגעמיינער וואַהל קאָמיטעט פון רעליגיעזע יודען אין ראַדאָם" וועלכע וועט רעפּ־רעזענטירען אַלע בתי תפלות און דאָס גאַנצע ראַדאָמער רעליגיעזער יודענ־טהום אָהן אונטערשיעד פון ריכטונג און פּאַרטיי.

אונזער דעוויז איז:

1) **שאַפען און אויפבויען דאָס חרוב-געוואָרענע קהלה-וועזען אין אונזער שטאָדט,**

2) **אויפהויבען אַלע רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע אינס־טיטוציעס אויף דעם געהעריגען ניוואָ,**

3) **אַרײַנברענגען אחדות און שלום אין דער יודישער געזעלשאַפט.**

מיר ווענדען זיך צו די מתפללים פון אַלע בתי מדרשים און בתי תפילות און צו יעדען רעליגיעזען יוד, זיך אײנצושליסען אין אונזערע רייהען. בכדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו ערגרייכען אינזערע הייליגען ציל לטובת אונזער שטאָדט. יעדער בית המדרש, מנין אָדער אינסטיטוציע האָט דאָס רעכט צו דעלעגירען אין אונזער קאָמיטעט 3 פאָרשטעהער.

אלגעמיינער וואַהל קאָמיטעט פון רעליגיעזע יודען

אין ראַדאָם.

### די מיטגליעדער פון עקזעקוטיווע:

| | |
|---|---|
| מאטיל אייזמאַן פרעזעס | יעקב גאָלדמאַן |
| נח פרזעדבאָרעק וויצע פרעזעס | יחיאל זילבערבערג |
| שמעריל קאַרפמאַן | מרדכי קלאָהרפעלד |
| חיים נייפאַן | שלמה אלעזר גאַרפינקעל |
| מרדכי הירשהאָרן | קלמן ראיאל |
| מאָטיל זוויקעלסקי | מלך ראַפאַפּאָרט |
| אכרהם סאָפערשטיין | ש. בוים |
| יעקב פ. מאַרגליות | מיכאל פאלעק קראל |
| מידיל שטיינבאָק | אלעזר ראָזענבלום |
| בנימין האָראָוויטש | אברהם ליפע דען |
| בעריש ראָטפעלד | זכריה הערשמאַן |
| חיים קעניגסבערג | מרדכי טייטעלבוים |
| נטע עהרליך | חענעך ראָזענבוים |
| יחיאל משה הערשבערג | יצחק ראָזענבערג |
| אברהם פסח רוזשא | יודעל פינקעלשטיין |
| אלעזר זילבערשטיין | יוסף ווײַדענבערג |
| לייב האָכבערג | יעקב אסוב |
| יואל רייכמאַן | יעקב באַנקער |

**בעמערקונג:** יעדער, וואָס וויל זיך אײנשליסען אין אונזער קאָמיטעט, דאַרף זיך ווענדען שריפטליך אויף פאָלגענדע אַדרעסען: ה' נח פרזעדבאָרעק (וואַרשאַווער 8) ה' חיים ניימאַן (לובלינער 18) יעקב מענדל מאַרגליות (סקאַרשעווער 49).








